בעזהשי"ת

# דורותינו

גליון י"ט
עש"ק פ' כי תשא
תשפ"ד
לפ"ק

א פלאטפארמע פאר אייך - איבער אייערע דורות



הפצה נתנדב ע"י:

הרה"ח מו"ה יוסף ראטטער שליט"א
לרגל נישואי בתו שתחי'

מו"ה אביגדור שלום שטויבער הי"ו
לרגל הולדות נכדו

מו"ה שלום יצחק יאקאבאוויטש הי"ו

מו"ה אלעזר זאב שווארטץ הי"ו
לרגל הולדות בנו בכורו

מו"ה ברוך שטראלי הי"ו

לע"נ הרה"ק רבינו רבי אלימלך ב"ר אליעזר ליפמאן זי"ע מליזענסק

תשוח"ח להם, יהי"ר שיזכו לראות רוב נחת מכל יוצאי חלציהם ולהתברך בכל מילי דמיטב.


## כלל ישראל'ס הארץ צאפעלט:

# 'טיים-פלען' דעדליין פאר 10 מוסדות אונטער יאפפעד אנקלאגע שוין דעם קומענדיגן פרייטאג פ' ויקהל

### זארג פארשטערקערט נאכדעם וואס אגודת ישראל אדוואקאט האט שוין ליידער ארייַנגעגעבן א פארטיגע 'טיים-פלען' פאר אנדערע צוויי מוסדות רח"ל!

### שווארצער וואלקן שוועבט העבער די קעפ פון טויזנטער קינדערלעך וואס זענען אין א שרעקליכע געפאר פון ווערן איבערגעגעבן פאר די רעגירונג רח"ל

דעם קומענדיגן פרייטאג פ' ויקהל איז דער פארלענגערטע דעדליין וואס די סטעיט האט נאכגעגעבן פאר די 10 מוסדות התורה - וועלכע זענען באשטעטיגט געווארן אלץ 'נישט עקוויוועלענט' צום פאבליק שולע - וואס ביז דאן מוזן זיי אריינגעבן זייער 'טיים- פלען' צו ווייזן פונקטליך ווען און ווי אזוי זיי גייען ווערן גענצליך עקוויוועלענט ח"ו צום פאבליק סקול רח"ל.

ווי שוין באשריבן אין דורותינו פרשת יתרו האט דער אגודת ישראל אדוואקאט אבי שיק איינגעמאלדן פאר די רעגירונג, אז 10 פון די מוסדות וואס זענען געווארן פאר'מסר'ט דורך די רשעים פון יאפפע"ד, און זענען באשטעטיגט געווארן אז זיי שטעלן נישט צו קיין פאבליק סקול עדיוקעישאן, הייבן אויף דעם ווייסן פאן, און נעמען זיך אונטער צוצושטעלן א 'טיים- פלען', **אויף ווען זיי גייען אנהייבן צו געבן א גענצליכער פאבליק שולע עדיוקעישאן רח"ל, מיט אלע טריפה'נע סאבזשעקטס, און אויך צוצושטעלן קאמפעטענט טיטשער'ס, מיט א פונקטליכער צייט ווען די רעגירונג וועט קענען אריינקומען דורך פירן אינספעקציעס אינערהאלב די מוסדות, אויב מען איז טאקע נאכגעקומען אלע פארלאנגן פון די 'גזירת החינוך' רח"ל.**

דער לויער אבי שיק, האט געהאט געבעטן פון די רעגירונג א פארלענגערונג פון 45 טעג, כדי די מוסדות זאלן קענען אריינשיקן א געהעריגן שלימות'דיגן טיים פלאן.

### וואס איז דאס א 'טיים-לייך' פלאן?

אז די מוסדות וועלכע זענען געטראפן געווארן אלס 'נישט עקוויוועלענט', דארפן אריינגעבן א פלאן וויאזוי זיי גייען ווערן עקוויוועלענט, די פינקטליכן רשימה פון די 'תוכן הלימודים' וואס מ'פלאנט צו לערנען, און אויך א פונקטליכן 'לוח הלימודים' וועלכע סאבדזשעקט מ'לערנט אין יעדן חודש, אויסגעשטעלט לויטן יאר.

**די צען מוסדות התורה זענען:**

**וויליאמסבורג; מוסדות סאטמאר-טרופ, אהבת ישראל- וויזניץ, בית הלל-קראסנא, סקווירא.**

**בארא פארק; מוסדות באבוב, סאטמאר, סקווירא, בעלזא, בית הלל קראסנא, וויען.**

די אלע מוסדות התורה פארמאגן אונטער זיך טויזנטער תינוקות של בית רבן, און כלל ישראל צאפעלט פאר שרעק, איבער דעם שיקזאל פון די אלע טויזענטער קינדערלעך אינערהאלב די מוסדות, צוליב וואס טייל פון זיי ארבייטן נאך מיט אגודת ישראל און זייערע מיטארבייטער, און דעריבער הויערט אויף די אלע תשב"ר, די שרעקליכע סכנה פון ווערן איבערגעגעבן גענצליך פאר די רעגירונג.

**די יעצטיגע פאזע פון אריינגעבן א 'טיים-פלען' האנדלט זיך שוין נישט בלויז פון אויסקלויבן א 'פעטוועי', וואס דעמאלס האט מען פראבירט איינצורעדן דעם ציבור הקדוש אז מען שיקט בלויז א בריוו.. נאר אצינד רעדט מען שוין פון פאקטיש איבערגעבען די מוסדות פאר די רעגירונג מיט אלע זייערע פארלאנגן, סיי מיטן איפנעמען 'קאמפעטענט טיטשערס', און סיי מיטן לערנען די אלע פארלאנגטע פאבליק סקול לימודים רח"ל.**

דאס איז ממש זינלאז און אומפארשטענדליך, אויסער דעם וואס דאס איז פון די חמורות שבחמורות ווי חז"ל זאגן 'אל תגעו במשיחי אלו תשב"ר', שטייט מען דאך אין א צייט וואס אפילו דער געריכט האט באשטעטיגט דעם פארגאנגענעם חודש ניסן אז די התחייבות ליגט נישט אויף די מוסדות התורה, און זיי מוזן נישט זיין סאבסטענשל עקוויוועלענט צום פאבליק סקול, פארוואס זאל אגודת ישראל מיט זייערע מיטארבייטער, אריינפירן די מוסדות התורה אין דעם שרעקליכן בלאטע איבערצוגעבן די קינדער אין די הענט פון די גוזרי הגזירות מבקשי רעתינו?

## עבר ושנה נעשה לו כהיתר

ליידער איז דאס שוין נישט די ערשטע מאל וואס די פאררעטער פון אגודת ישראל טוען אריינשלעפן מוסדות התורה אין דעם טיפן בלאטע. קודם האבן זיי דאס געטוען מיט א מוסד אין וויליאמסבורג, וואס דער מוסד האט געהאט א באזונדערע אנקלאגע פון א פרייע מאמע, וואס האט געקלאגט די מוסד, און גענוצט די זעלבע טענות פון יאפפע"ד, אז די מוסד איז נישט 'עקוויוועלענט'.

און אנשטאט אז די מוסד זאל דערקלערן מיט א דרייסטקייט אז על פי תורה קענען אונזערע לימודים נישט זיין אין איינקלאנג מיט די גוי'אישע פאבליק סקול לימודים, האבן זיי - אויף די אנווייזונג פון אגודת ישראל מיט זייערע אפיליאירטע - כסדר געזאגט פאר די רעגירונג אז זיי זענען יא איניג מיט די פובליק סקולס, **און האבן גאר איינגעלאדנט די רעגירונג, אראפצוקומען אין די מוסדות מיטצוהאלטן סיי די לימודי קודש און סיי די לימודי חול, ווי אגודת ישראל מיט זייערע שליחים, האבן זיי אויך געוויזן דעם אפיקורס'ישן 'קודש קאריקולום', כדי זיי איבערצייגן, אז די מוסד קומט נאך די אלע סטאנדארטן אינערהאלב אלע זייערע סדרי הלימודים, און ווי אויך האבן די רעגירונג אינספעקטארן גערעדט מיט די הייליגע צאן קדשים רח"ל.**

למעשה האט עס גארנישט געהאלפן פאר דעם מוסד, און די 'קאמישאנער' האט אפגע'פסק'נט אז דער מוסד איז נישט עקוויוועלענט צום פאבליק סקול, און זיי האבן באקומען א באשטימטע צייט, ביז ווען זיי דארפן אריינגעבן א 'טיים-פלאן' צו אויפווייזן וויאזוי זיי גייען ווערן אינגאנצן עקוויוועלענט רח"ל.

אגודת ישראל מיט זייערע מיטארבייטער, וועלכע זענען כסדר געגאנגען מיט די מהלך, פון קאפערירן מיט די פארלאנגען פון די רעגירונג אנבאלאנגט דעם גזירת החינוך, האבן איצט אויך איבערגערעדט די אדמיניסטראציע פונעם מוסד, »

### דזשואיש עדיוקעשאן פראדזשעקט דערקלערט אפען:

## מיר זענען דא אייך צו העלפן ווערן פאראייניגט מיטן גוי'אישן פאבליק סקול רח"ל

ווי שוין באריכטעט אין דורותינו איז דעם פארגאנגענעם דינסטאג פ' תצוה פארגעקומען אין שטאט בארא פארק א קאנפערענץ אנגעפירט דורכן דעם ציוניסטישן ארגענעזאציע 'דזשואיש עדיוקעשן פראדזשעקט' ווי זיי האבן פארגעשטעלט זייער נייעם אזוי גערופענעם 'אידישע' סייענס קוריקילום געאייגנט אריינצוברענגען אין די בתי חינוך צו קענען דערמיט נאכקומען די נייע גיידליינס פארלאנגען צו ווערן ר"ל עקוויוועלענט צום פאבליק סקול.

ביים אסיפה האבן זיי ארויסגעזאגט אפן אז זיי זענען דא מיטצוארבעטן מיט די נייע עקוויוועלענט געזעצן און זיי זענען דא ארויסצוהעלפן די מוסדות דאס נאכצוקומען.

ליידער זענען אריינגעשלעפט געווארן צו דעם קאנפערענץ אומוויסענדע מנהלים און איינגעשטעלטע פון ערליכע מוסדות אין בארא פארק, נישט כאפנ'דיג אז זיי זיצן דא מיט די ערגסטע עלעמענטן פון די רעפארמער און ציוניסטישע גרופעס וואס זיצן אוןווארטן ווען זיי קענען אפ'שמד'ן דעם כלל ישראל, און קומען אלץ שליחים פון די רעגירונג און די מוסרים איינצופירן און אימפלעמענטירן די אלע סעקולארע סאבדזשעקטס אין אונזערע הייליגע מוסדות.

## קורצע נייעס:

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פ' תצוה ביים פורים קטן טיש בחצר באבוב-45 האט דער בדחנא דמלכא ארויסגעהויבן דעם באבובער רב'ס שליט"א דרייסטקייט קעגן די רעגירונג'ס פארלאנגען, און געוואונטשן אז דאס יאר תשפ"ד זאל טאקע זיין **ת'הא ש'נת ד'יחו פ'עטווע'.**

■ ■ ■

דעם זונטאג פ' כי תשא ביי א צוזאמנקום האט דער **סענאטאר פון קענסעס 'מארשאל'** צווישן אנדערע דערמאנט דעם גזירת החינוך, און צוגעזאגט צו קעמפן קעגן דעם אין וואשינגטאן, פרעגנדיג מיט וואונדער **"ווער האט געגלייבט אז אין אמעריקא ווי די ערשטע אמענדמענט גיבט די רעכטן פון חינוך פאר עלטערן זאל די רעגירונג אין ניו יארק זיך מישן און איינטיילן פאר עלטערן וועלכע חינוך צו געבן פאר זייערע קינדער?"**

אויך האט ער גאר שטארק אראפגעריסן די רעגירונג וואס בשעת דעם קאוויד עפאכע האבן זיי אן קיין שום סיבה פארשפארט בתי חינוך, טראץ דעם וואס אויף קינדער איז קלאר נישט געווען קיין שום סכנה, און אצינד זארגן זיי זיך גאר פאר אונזער חינוך ■

## פתגמין קדישין

איבער דעם מצב וואו מיר געפונען זיך!

ווילאנג די אידן ווילן זיך נישט אויסמישן מיט די גוים קענען די גוים נישט מצליח זיין מיט זייערע גזירות! נאר ערשט ווען אידן טוען זיך צוכאפן צו לערנען מיט א ווילן זייער שפראך, דעמאלס האבן די גוים א כח העכער אידן מער גוזר צו זיין! (בני יששכר

הוספת מהרצ"א על ס' סור מרע אות עח, וכ"כ בס' וצוה הכהן לתלמיד המגיד זי"ע פרק כ' ד"ה אכן, וכעי"ז כ' הגאון ר' ש"ר הירש ז"ל בפירושו על החומש פ' ראה,).

### הרצים רוכבי הרכש האחשתרנים..

# אגודת ישראל פאררופט 'מסע אלבאני', צו 'קעמפן' צוזאמען אנצוהאלטן זייער 'מסורה'...

עס קומט אריין גרויסע נייעס אז דעם קומענדיגן דינסטאג פר' ויקהל גייט פארקומען א גרויסע 'מסע אלבאני', ווי אגודת ישראל טוט אראנדזשירן א נסיעה קיין אלבאני, צו 'שתדל'ן' ביי די רעגירונג טאטעס, לטובת די מוסדות הקדושים, איבער גאר א וויכטיגע נושא וואס איז אנבאלאנגט די מוסדות.

און זיי זענען עס זייער שיין מסביר, אז מען גייט איצט מאכן א 'מסע אלבאני' פשוט, כדי צו 'קעמפן' און 'לאזן הערן אונזער שטימע' פאר נאך געלט אויף פארשידענע פראגראמען.. וואס ווי זיי שרייבן, דראעט א סכנה אויף געוויסע פראגראמען, ווי די רעגירונג וויל רח"ל שניידן פון די פאנדינג.

אייגענטליך איז עס נישט די ערשטע מאל דאס יאר, נאר דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג משפטים איז שוין פארגעקומען איין אזא נסיעה, אבער די 'הערצאישע' עסקנים פון אגודת ישראל 'וואס זענען זיך כסדר 'מוסר נפש' פאר די 'מוסדות הקדושים' זענען נישט צופרידן פון איין אזא מעמד, און טוען אראנדזשירן עטליכע אזעלכע נסיעות קיין אלבאני במשך פון יאר.



February 26, 2024

Join Us in Albany Next Week!



Dear Principals and Administrators,

We need you to join us in Albany on March 5!

Join us to advocate for our community's needs in the halls of government, and for issues that are of utmost importance to our yeshivos. Your presence and participation will have a tremendous impact on our lawmakers.

Join us, and advocate for MSA funding – you experienced the shortfall in your MSA reimbursement because of an insufficient budget allocation. We need to advocate for funding to make up the shortfall, as well as avert another potential crisis of real restriction on next year's MSA. We need to make our voice heard!

Join us, and advocate for an increased NPSE grant – your students and school need protection from antisemitic attacks. Many members of the New York Legislature have already expressed interest in doubling the existing budget for school security. We need to let them know how vital such an increase is!

Join us, and advocate for your students, your school, and our *mesorah*. We will be advocating directly with relevant lawmakers for universal meals, equitable busing, reimbursement for immunization recordkeeping, and many other issues for our schools, and we need you there to tell our legislators how much these items matter.

The March 5th Albany Day is geared toward school leaders from Brooklyn, Manhattan, Staten Island, Bronx, and Upstate. There will be free transportation provided from Brooklyn.

Your participation is crucial to our success – we need your voice.

וואס איז דער ציל פון די 'מסע אלבאני'?

אין א אימעיל צו די מוסדות די וואך, שרייבט 'אגודת ישראל' אז מען זאל מיטקומען מיט זיי, זיך צו לאזן הערן אונזער שטימע, צו העלפן די תלמידים, די מוסדות, און "אונזער מסורה"...

ווערט איר אוודאי מיינען אז אגודת ישראל ווי אמעריקא האט תשובה געטוען, און רופט צו פארן קיין אלבאני צו קעמפן אז מען זאל קענען אנהאלטן אונזער הייליגע חינוך כפי המסורה, בלי שום שינוי..

אבער ניין, מען האלט ליידער נאך נישט ביי דעם!

אגודת ישראל האט גאר אן אנדערע מסורה, און דאס איז 'געלט' און נאכאמאל 'געלט'...

ענדליך ווייסן מיר שוין זייער קלאר, הודאות בעל דין, אז ווען אגודת ישראל זאגט, אז זיי גייען זיך שלאגן מען זאל קענען אנהאלטן די 'מסורה'... מיינט מען פשוט די מסורה פון כסדר אויסמעלקן פון די רעגירונג ווי מער 'געלט'...

עס לאזט זיך נישט גלייבן אז די וועלכע פארקויפן כסדר אז זיי זענען גאר די מצילים און שלאגן זיך פאר אונזער חינוך, פילן בכלל נישט פאר וויכטיג, אנצודייטן אז דער מסע אלבאני וועט אויך אדרעסירן דעם שרעקליכן גזירות החינוך וועלכע לויערט אויף כלל ישראל.

און נישט נאר דאס, נאר ווען די ערליכע אידן זענען יא ארויסגעפארן און געמאכט א גרויסן מעמד אין אלבאני, זיך בעטן ביי די רעגירונג בתחנונים אז זיי זאלן נישט טשעפן אונזער חינוך, האט זייער לויער אבי שיק, גאר געשיקט אן אימעיל צו די רעגירונג בשם די רבני אגודת ישראל, אז זיי זענען נישט איינשטימיג מיט דעם ווי געשריי פון די ערליכע אידן, נאר זיי זענען דא צו פירן א 'דיאלאג' מיט די רעגירונג איבערן גזירת החינוך רח"ל ווי שוין דאקומענטירט אין דורותינו!

אנו רצים והם רצים ■

---

« נאכצוקומען די רעגירונג פארלאנגן, און זיי איינגעבן א פונקטליכע 'טיים פלאן' ווען און וויאזוי זיי גייען איינפירן אויף למעשה אלע פארלאנגן וואס וועט זיי מאכן אייניג צום פובליק סקול רח"ל, ווי צב"ש לערנען די אלע פארלאנגטע פאבליק סקול לימודים, ווי אויך אויך האבן זיי זיך אונטערגענומען אהער צושטעלן 'קאמפיטענט טיטשערס', און ווי אויך אז די רעגירונג זאל אריינקומען אין מוסד, אדורכפירן עטליכע אינספעקשאנס, צו זעהן אויב די מוסד איז שוין גענצליך סאבסטענשיל עקווילענד צום פאבליק סקול רח"ל.

אויך האט דער אגודת ישראל אדוואקאט אריינגעגעבן דעם פארגאנגענעם חודש תשרי העעל"ט א ענגילטיגן 'טיים-פלאן' צו ווערן אינגאנצן עקוויווילענט רח"ל פאר אנדערע צוויי מוסדות התורה אין ברוקלין וואס זענען שוין באשטעטיגט געווארן אלס נישט עקוויווילענט דעם פארגאנגענעם זומער.

### בעוד שבוע אחת...

און אזוי ווי דעם קומענדיגן פרייטאג פ' ויקהל, ענדיגט זיך די פארלענגערטע דעדליין פאר די צען מוסדות, דעריבער איז כלל ישראל זייער דערשראקן און באזארגט איבער דעם שיקזאל פון די טויזענטער טייערע קינדערלעך, וועלכע געפינען זיך אונטער דעם באלדיגן סכנה פון דעם שרעקליכע גזירת השמד און די סכנה איז גאר גרויס אז זיי זאלן ח"ו אויך נישט אריינפאלן אין זעלבן נעץ דורך די אגודת ישראל פאררעטער און זייערע מיטארבייטער.

**עס איז צו האפן אז די אלע חשובע עלטערן וועלן פארשטיין די שרעקליכע סכנה וואס לויערט אויף זייערער קינדער, און זיי וועלן טוען די ריכטיגע שריט צו שטיין על המשמר, נישט ח"ו צולאזן אז מען זאל נאכקומען די רעגירונגס פארלאנגן צו ווערן עקוויווילענט מיט דעם פאבליק שולע רח"ל.**

עורו נא התעוררו נא בעד בנינו ודורותינו ■

## א בליק אריין אין די מוסדות על טהרת הקודש אין ניו יארק



# אפגעהאלטן יערליכע דינער לטובת מוסדות תשב"ר אין מאנסי

דעם פארגאנגענעם מוצאי שבת קודש פ' תצוה איז אפגעהאלטן געווארן דער יערליכער מלוה מלכה אין מאנסי לטובת תלמוד תורה תשב"ר אין מאנסי אין די זאלן פון ווילהאוויץ

די תלמוד תורה וואס איז נתייסד געווארן לע"נ הגה"ק מריבניץ זצוק"ל פאר 28 יאר צוריק פארמאגט היינט צוטאג קרוב צו 800 קינדער בליעה"ר, ווען דאס איז גענצליך ריין על טהרת הקודש בלויז מיט ריינע געלט, און געפינט זיך אין א הערליכן אייגענעם בנין אין די ווערד פון 11 מיליאן דאללאר

ביי דעם מלוה מלכה האבן זיך משתתף געווען א ריזיגער ציבור תושבי מאנסי, און נאך א רייע חשובע דרשנים האט מען געהערט דברות קודש פון דעם נשיא המוסד הגה"צ המפורסם משירי כנה"ג רבי חיים פלאהר שליט"א איבער דעם באזונדערן חשיבות פון אזא הייליגער מוסד.

## מלוה מלכה לטובת ת"ת נועם אלימלך עטה"ק אין מאנסי

דעם מוצאי שבת קודש פ' כי תשא קומט פאר אין מאנסי אין די טעג פון די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך זיעוכי"א, דער יערליכער מלוה מלכה לטובת די תלמוד תורה נועם אלימלך ליזענסק, אין די זאלן פון ווילהאוויץ.

דער מוסד שטייט שוין איבער 20 יאר, און פארמאגט קרוב צו 500 קינדער בליעה"ר אין איז א פראכט פאר'ן שטאט מאנסי מיט זייערע הערליכע פירות כ"י.

אין די לעצטערע יארן האט זיך דער מוסד גענצליך אפגעריסן פון די רעגירונג שטיצע און איז מצליח ביתר שאת וביתר עוז

די מלוה מלכה איז קאמבאנירט אינאיינעם מיט א מסיבת שבע ברכות לכבוד די שמחה בבית ידיד וכביר העסקנים לטובת המסד הרב ר' יוסף ראטעטר שליט"א

אויף די מודעות ווערט געמאלדן אז 'א בשורה טובה ומרנינה למען עתיד וקיום המוסדות ברוב פאר והדר' וועט געמאלדן ווערן ביים מעמד דורך הרה"ח ר' יוסף ףשליט"א.

אלס יושב ראש דינט דער געשמאקער מייסטער רעדנער האברך הח' העסקן מו"ה חיים משה גאלדשטיין הי"ו, און במשנתו של בעל ההילולא וועט אויפטרעטן הגה"צ ר' שלמה פנחס מלוביצקי שליט"א אב"ק סלאנים מאנסי, ונכד בעל ההילולא.

א גרויסע אינטרעסע ציעהט די דרשות דורך דריי גדולי הרבנים, הלא המה הרב הגאון ר' מנחם מאיר ווייסמאנדל שליט"א אב"ד נייטרא מאנסי, וואס וועט משמיע זיין די המשכת חינוך המסורה לנו מדור דור; הרה"ג ר' שמואל שלעזינגער שליט"א ר"מ בישיבת תפארת התלמוד - פלעטבוש וואס וועט רעדן איבער דעם חומות ההתבדלות למען חינוך בנינו ודורותינו; און צום לעצט וועט מען הערן דעם דבר ה' מירושלים, דורך דעם חשובן אורח הגה"צ לוחם מלחמות ה' כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א וואס וועט איבערגעבן זיין ברכת הקודש.

א גאר רייכער פראגראם ווערט צוגעשטעלט, בהשתתפות פון פילע גדולי ורבני העיר שליט"א, און עס ווערט ערווארטעט א ריזיגער ציבור אוהדי ומוקירי תורה.

## מסיבה אין ק"י לטובת ת"ת טיב לבב עטה"ק אין בלומינגבורג.

דעם מיטוואך פ' כי תשא איז פארגעקומען א שיינע מסיבה של מצוה לטובת די ת"ת טיב לבב דרבינו יואל ד'סאטמאר עטה"ק אין בלומענבערג.

די מסיבה איז אפגעהאלטן געווארן אין גארפיעלד מענאר, ווי עס האבן זיך משתתף געווען גאר א שיינער ציבור פון תושבי קרית יואל בראשות הרבנים הגאונים שליט"א.

עס זענען געהערט געווארן דרשות דורך הרה"ג ר' יואל מענדלאוויטש שליט"א אב"ד העלישוי ונשיא המוסד, און פון דעם חשובן נואם הכבוד הרה"ג ר' אשר מרדכי רובין שליט"א ר"מ עסק התורה. און דבר ההנהלה וההורים האט מען געהערט פון הרה"ג ר' שמואל דוד ראטשילד שליט"א.

עס האט זיך דערקענט די גרויסע ווארעמקייט פונעם ציבור, איבערהויפט שטייענדיג נאכדעם וואס עס איז באקאנט געווארן לעצטענס אז דאס איז די איינציגסטע תלמוד תורה אין שטאט וואס האט נישט געקליבן קיין פעטוועי.

## קאמפיין לטובת קרן 'האדרת והאמונה' דת"ת נייטרא עטה"ק

די טעג קומט פאר א העפטיגן קאמפיין לטובת דעם קרן 'אדרת ואמונה' וואס העלפט ארויס צו דעקן די הילף פאר די תלמידים און טראנספארטאציע אין די נייטרא'ער תלמוד תורה אין מאונט קיסקא.

די תלמוד תורה האט זיך אין די לעצטערע יארן מיט מס"נ אפגעריסן פון די שטאטישע הילף, און עטליכע חשוב'ע בני עלי' אין שפיץ פון הגה"צ אבד"ק קרית קאשוי שליט"א, האבן גענומען אויף זיך צו דעקן דעם גרויסן פינאנציעלן בודזשעט.

אצינד, אין די טעג פון יומא דהילולא קדישא פון הגאון הצדיק לוחם מלחמות השם האדמו"ר מקאשוי זצוק"ל, וואס איז געווען דעם דאנערשטאג פ' כי תשא, כ' אדר, האט מען געלאזט אין גאנג א ספעציעלן קאמפיין לטובת דעם הייליגן קרן.

## ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת

אין גאר א ספעציעלן שריט ארויסצוהייבן די חשובע מוסדות על טהרת הקודש איז פארטיילט געווארן די וואך גאר א ווארימע תמיכה פון לכה"פ $500 פאר יעדע מרביץ תורה אין די תלמודי תורה עטה"ק!

דאס איז צושטאנד געקומען דורך דעם חשובן עסקן נמרץ לכל דבר שבקדושה, הרב ר' יוסף ראטעטר שליט"א, לרגל די שמחת החתונה פון בתו הכלה המהוללה תחי' דעם פארגאנגענעם מיטוואך פ' כי תשא.

די תמיכה איז פארטיילט געווארן פאר איבער 150 מלמדים פון 14 ת"ת על טהרות הקודש אין גרעיטער ניו יארק.

דאס איז גאר א גרויסער חיזוק פאר די חשובע עוסקים במלאכת הקודש אין די הייליגע בתי חינוך על טהרת הקודש, און דער יהדות החרדית וואונטשט אים מלא חפנים נחת דקדושה פון דעם זיווג, ומכל יו"ח, בבריות גופא ונהורא מעליא.

ממנו ילמדו וכן יעשו ■

משבת אבותינו - לדורותינו



# כי השוחד יעור

(רביה"ק מסאטמאר זי"ע ס"ג תצוה תשי"ט)

...ס'שטייט המקבל שוחד, אינו מת מן הזקנה עד שעיניו כהות, פרעגט דער זרע יצחק מ'זעט דאך אסאך וואס זיי נעמען שוחד און זיי ווערן נישט בלינד.....נאר עיניו כהות מיינט ער וועט זיין טאקע אזוי ווי ער זאגט לשכים בעיניכם, מ'ווערט בלינד.

איך האב געזאגט ס'זעט אויס אין מדרש 'סוף' אפילו שוין אן שוחד, באקומט ער אן עוורון עינים, אז ער איז נישט מכיר דעם אמת, ער האט נישט קיין אמת'דיגע אויפפאסונג, ער זעט נישט דעם אמת, איבערדעם איז אינו מת עד שעיניו כהות, ער וועט נישט זען דעם אמת.

איבערדעם זאגט דער פסוק ואתה תחזה מכל העם 'אנשי חיל' יראי אלוקים אנשי אמת שונאי בצע, אנשי חיל זאגט רש"י עשירים, שאינם צריכין להחניף לשום אדם, לכאורה אז ער זאגט יראי אלוקים, אנשי אמת, שנאי בצע, אז מ'האט די אלע מידות, נו וואס'זשע וועט ער דען חלילה אוועקגיין פונעם אמת?

**זעט מען דאך, כאטשיק זיי זענען יראי אלוקים, אנשי אמת, שונאי בצע, טאמער איז צריכין להחניף איז עס שוין מעוור עינים, זעט מען נישט דעם אמת...**

דאס קאן זיין איז דער פשט המצפה לשלחן אחרים איז עולם חשך בעדו, ווייל ס'איז מעוור עינים, המצפה לשלחן אחרים, ממילא ווערט ער דאך פארפירט, ווארן ער איז דאך אנגעוויזן אויף אנדערע, ער ווערט דערפון משוחד, זעט ער נישט דעם אמת, דאס הייסט עולם חשך בעדו, ער זעט נישט, ער ווייסט נישט אויף וועלכן 'עולם' ער איז, ער זעט נישט דעם אמת וואס טוט זיך אויפן 'עולם'

ס'איז עולם חשך בעדו, ס'איז אן עוורון עינים, וויבאלד אז ער ווערט פארפירט פון יענעם, אז ער איז אונטערגעווארפן, אז ער איז ביי זיך נישט פעסט.

ווען ער האפט נאר צום באשעפער, אז ער האפט נישט צו יענעם נאר צום באשעפער, דעמאלטס פארכט ער זיך נאר פארן אייבערשטן, נישט פאר א מענטש, דעמאלטס איז מעגליך צו זען דעם אמת.

טאמער פארכט מען זיך פאר א מענטש, וויל מען דאך שוין יענעם צוליב טון, יענעמס דיעות, דעמאלטס זעט מען שוין נישט וואס ס'טוט זיך אויף דעם עולם, דאס איז די רעכטע חשכות, דאס איז עיניו כהות, השוחד יעור.

וואו איז פארהאנען א גרעסער חשכות ווי אז מ'איז לא עלינו 'בלינד', לשכים בעיניכם, אזוי ווי מ'האט 'נעגל' אין די אויגן...

**איבערדעם זאגט מען אין די תפלות, שתהא תורתך אומנתינו, ואל ידוה לבנו, ואל יחשכו עינינו..... ווארן דורכדעם קודם אז מ'איז משוחד פון יענעם, מ'וויל אים צוליב טון, תחלת טוט נאך ווי' דאס הארץ, מ'נעמט נאך עפעס אינאכט אז ס'איז נישט דער דרך אמיתי.**

**אבער שפעטער אז מ'איז שוין דערינען, דערנאכדעם זעט מען שוין נישט, טוט שוין נישט ווי' דאס הארץ אויך נישט, ווייל מ'זעט דאך שוין נישט דעם אמת, מ'מיינט שוין אז ס'איז אזוי דער אמת, ס'איז עולם חשך בעדו.... קודם טוט נאך ווי' דאס הארץ, און נאכדעם לאזט זיך אויס.... אז ס'איז גאר עולם חשך בעדו...**

# פרישע ווענדפונקט אין מלחמת קודש אנטקעגן דעם גזירת החינוך אין ענגלאנד אין ליכט פון געפלאנטע נייע שרעקליכע געזעצן

## היסטארישע פאראייניגטע קול קורא, אין שפיץ פון בית דין התאחדות החרדים, מיט א הייליגן רוף זיך אנצוגארטלען אין קאמף

## גרויסער יום תפילה פארורפן דורך גדולי רבני העיר אויפן קומענדיגן ה' פ' ויקהל ער"ח אדר ב' להקהל ולעמוד על נפשינו

דער יהדות ענגלאנד האט זיך ערוועקט די וואך מיטוואך פ' כי תשא צו א היסטארישער קול קורא פון אלע גדולי וזקני הרבנים שליט"א איבער דעם שרעקליכן געפאר וואס שוועבט אויף די אידישע קינדער דארט.

ווי באקאנט האט זיך די רעגירונג גאר שטארק פארלייגט דארט אויף די מוסדות התורה אריינצומישן די טריפה'נע לימודים רח"ל.

די גזירות דארט האבן ליידער שוין גאר שטארק אריינגעדרינגען אינערהאלב די מוסדות הקדושים, און א צאל רעגיסטרירטע מוסדות זענען ליידער געפאלן און פרובירט צו געפעלן פאר די רעגירונג זה בכה וזה בכה.

וועלכע זענען דערווייל נישט רעגיסטרירט.

די דאזיגע נייעס האט באטראפן דעם ענגלישן אידנטום ווי א דינער אינמיטן העלן טאג, וועלכע האבן זיך פלוצים באטראפן אין צרה ומצוקה שלא היתה כמוהו, בקורות בית ישראל אין ענגלאנד רח"ל.

אבער דעם עם קשה עורף גיבט נישט אויף ווען מען וויל אונז אונטערברענגען, און מיט א עזות דקדושה האבן זיך צוזאמגענומען די קהילות ומוסדות צו קעמפן אינאיינעם די מלחמה לשם בעמלק מדור דור, און זיך גרייטן לדורן לתפילה ולמלחמה.

### לך כנוס את כל היהודים

און אט דערפאר איז אצינד ערשינען די היסטארישע קול קורא על חובת השעה להצלת עתידתנו ועתיד דורותינו, אויף דעם דאזיגן הייליגן רוף וואס איז אונטערגעשריבן דורך פערציג גדולי וזקני הרבנים ומנהיגי קהילות, שרייבן די רבנים אז "אין די צייט וואס די רשעי אומה"ע ווילן זיך משתלט זיין אויף די הייליגע ישיבות און אויף דעם חינוך בנינו ובנותינו ה"י, איז אונזער פליכט זיך צו שטארקן און מקבל זיין אויף זיך אז מיר וועלן זיך בשום אופן זיך נישט בייגן ימין ושמאל פון דעם אנגענומענעם וועג, און מיר וועלן זיך נישט רירן אפילו א זיז כל שהוא, און מיט א חומה בצורה וועלן שטיין אינאיינעם אנטקעגן יעדן פראבע פוגע צו זיין און אונזער הייליגן חינוך.."

"דערפאר דארף יעדער זיין פאראייניגט אויסצושרייען כלפי פנים און כלפי חוץ, און פאר די רעגירונג, אז די ישיבות קדושות און די בתי חינוך זענען אונזערע לעבן, און קיין שום כח שבעולם וועט אונז נישט אוועקרירן א האר פון וואס מיר האבן געלערנט ביז היינט, און זיך בעטן בבקשות ובתחנונים פון די רעגירונג אז זיי זאלן אונז לאזן אנגיין אזוי ווי ביז היינט".

"און בודאי איז די עיקר אין די תקופה מסדר צו זיין תפילות ברבים און אנשים נשים וטף זאלן בעטן, אז השי"ת זאל מעביר זיין פון אונז אלע גזירות קשות ואכזריות, כי לך לבד עינינו תלויות"

אויף באזונדערע פלאקאטן ווערט געמאלדן איבער די עצרת תפילה והתעוררות רבתי ברב עם דעם קומענדיגן דאנערשטאג ויקהל, און פרטים וועלן נאכפאלגן.

דער יהדות החרדית אלוועלטליך שליסט זיך אן אין דעם פשרה'לאזן קאמף פון אונזערע ברודער אין ענגלאנד, און מיר זענען מתפלל אינאיינעם אז אין די דאזיגע ימי אדר, זאל נתבטל ווערן אלע גזירות, וכימי מור והדס הושעת בניך! ■



# קול קורא על חובת השעה להצלת עתידנו ועתיד דורותינו

לך כנוס את כל היהודים להקהל ולעמוד על נפשם

בס"ד

י"ח לחודש אדר א' תשפ"ד לפ"ק פה לונדון יצ"ו

בעת הזאת אשר כידוע קמו קשר רשעים במטרה גלוי' לעקור מאתנו אמונתנו בד' אלוקינו להשתלט על החינוך שלנו, ועכשיו העלו הצעת חוק לפני השלטונות להעביר חוקים חדשים בפארלימענט הנוגעים להחינוך הקדוש שאנו מחנכים דורותינו ע"ד התורה והמסורה, אשר באמצעות החוקים הללו יוכלו לכפות על פליטת בית סופרינו הישיבות הק' והת"ת את החינוך המקולקל שלהם אשר ידוע שמיוסד כולו ע"ד מינות ואפיקורסות, ונקבע על ידם יום ה' אדר ב' הבעל"ט לקריאה שני' של החוקים הללו היל"ת.

ע"כ באנו בזה לעורר את הציבור הק' אשר בעת כזאת אשר רשעי אומה"ע האומרים ערו ערו עד היסוד בה פועלים וזוממים כנ"ל להשתלט על הישיבות הק' ועל חינוך בנינו ובנותינו ה"י, החובה עלינו להתחזק ולקבל על עצמינו שבשום פנים ואופן לא נטה ימין ושמאל מהדרך המקובל לנו מדור דור כפי שקבלנוה מהר סיני ולא נזוז מזו הדרך אפי' זיז כל שהוא, וכחומה בצורה נעמוד ביחד כנגד כל נסיון לפגוע בהחינוך המקודש לנו ובבבת עינינו הישיבות הק' אשר כל עתידנו ועתיד דורותינו תלויים בזה, ובוודאי בכח הרבים נוכל להם בסייעתא דשמיא ובזכות שנעמוד איתן בדרך התורה במצב זה הקב"ה יגן ויושיע אותנו מידם.

ובכן נבקש מכל בני קהלתינו שישמע מאתנו קול אחד קול גדול ולא יסף אשר דרכינו לא ישונה, בהכרזה גלוי' כלפי פנים וכלפי חוץ – והקול ישמע בבית השרים ובתוך הפארלימענט, כי הישיבות הק' והחינוך הקדוש הם חיינו ואורך ימינו, ושום כח שבעולם לא יזיז אותנו כמלא נימא מלהמשיך החינוך הק' והישיבות הק' בטהרתן ובשלימותן כמו עד עתה, ובכן יעלה ויבא בקשתינו ותחנונינו מהמלכות אשר אנו חוסים בצלה יר"ה שירחמו עלינו אל יגזרו עלינו אלו הגזירות אלא שיתן לנו שנוכל להמשיך לחיות כאן במדינתינו בשלוה ולהמשיך את החינוך הקדוש כמו שקבלנו מאבותינו מדור דור עד כי יבא שילה, וכבר גלוי וידוע שהחינוך ע"ד ישראל סבא הוא לשם ולתפארת ולתהלה בכל הארץ.

ובודאי העיקר בתקופה זאת אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים לשפוך שיח לה' שירא בענינו וירחם עלינו – **ולסדר תפלות ברבים ויתפללו אנשים נשים וטף וישמע תפלותינו במרומים להעביר מאתנו כל גזירות קשות ואכזריות, כי לך לבד עינינו תלויות.**

ונסיים בברכה שבימים האלו יעשה לנו נסים כבימי מרדכי ואסתר בשושן הבירה, ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי.

שלום פריעדמאן – ס'אב"ד התקה"ח
פנחס שנעבאלג – ראש ישיבת וויזניץ
יששכר מאיר צבי פינטער – רב דביהמ"ד ישועת חיים בוקאווסק
מרדכי דוד ווייס – רב דביהמ"ד אורייתא
דוד לואיס – רב דביהמ"ד עדת ישראל
נפתלי פנחס ענגלענדער – דומ"ץ פשעווארסק
משה אורי שלעזינגער – ראה"כ יטב לב סאטמאר
לייביש האנער – ראה"כ וויזניץ

אהרן דוד הלוי דונער – ראב"ד התקה"ח
מאיר מארקאוויטש – דומ"ץ וראה"כ דברי שלמה
שלמה לאבין – אדמו"ר מוידיטשוב
משה מייזליש – אבדק"ק ליעזש
יעקב בנימין מנחם מארמארשטיין – רב דביהמ"ד אהל משה
מרדכי צבי פסח – רב דביהמ"ח פני מנחם
אליעזר יו"ט ליפא ברוין – דומ"ץ ורב ק"ק נייטרא
שמעון דאמב – ר"מ שערי יושר

יוסף פאדוואו – נשיא וראה"ד התקה"ח
ברוך לייב ראבינאוויטש – אדמו"ר ביאלא
נפתלי אלימלך לייזער – רב דביהמ"ד פשעווארסק
לוי יצחק ראסקין – דומ"צ בקהילת ליובאוויטש דפק"ק
חיים פנחס מיללער – רב דביהמ"ד משערנאבל
אלטר אלימלך שווארץ – אבדק"ק טשאבא
אליעזר מרדכי שטאלצבערג – רב דביהמ"ד סאטמאר 42
סיני יחזקאל שרגא דייטש – רב דביהמ"ד שאץ

אליקים שלעזינגער – ראש ישיבה הרמה
יעקב מאיר ראזענבוים – ר"מ לב שמחה גור
אליעזר שלעזינגער – ראש הכולל ישיבה הרמה
יצחק אייזיק ראזענבוים – אדמו"ר מסטראזניץ
יצחק יונג – רב דביהמ"ד צאנז
ישעי' יחיאל שלעזינגער – רב דק"ק שערי תפלה
אברהם יושע העשיל האלבערשטאם – דומ"ץ ישועת חיים בוקאווסק
ברוך חנה גרינפעלד – רב דביהמ"ד באבוב 45

שמואל בנימין קרויס – אדמו"ר בית שלמה ארי'
יחזקאל שרגא פריעזל – דומ"ץ סקווירא
בנציון בלום – דומ"ץ באבוב
יחזקאל פריעדמאן – דומ"ץ
יחיאל פראנד – רב דביהמ"ד קארלין
גרשון שפיצער – דומ"ץ וויזניץ
מרדכי וויינבערג – רב דביהמ"ד סלאנים
יחזקאל אינזליכט – דומ"ץ בית המדרש ברך משה

### עומדים עלינו לכלותינו – פרישער 'רעגיסטראציע געזעץ'

אבער ליידער הרשעים כים נגרש, און אצינד גרייט זיך די רעגירונג דורכצופירן א נייעם 'רעגיסטראציע געזעץ' דעם קומענדיגן ה' אדר שני תשפ"ד.

דער דאזיגער געזעץ וועט צווינגען צו רעגיסטרירן 'יעדע איינציגע תלמיד' וואס גייט לערנען סיי ווי!

אזוי ארום וויל די רעגירונג באקומען א פולע קאנטראל אויף די טויזנטער תלמידים



לך כנוס את כל היהודים להקהל ולעמוד על נפשם

בס"ד

ע"פ פקודת מרנן ורבנן רבני עירנו שליט"א

**בענין הגזירה הנוראה על ישיבותינו הק'**

יתקיים אי"ה

**עצרת תפלה והתעוררות רבתי ברב עם**

ביום חמישי לס' ויקהל - כל עדת בב"י
ערב ר"ח אדר ב' מוקדם
לאמירת תהלים ויוב"ק וכו'

וד' ישמע שועתינו וכימי מור והדס הושעת בניך

פרטים יבאו

## רעגירונג ליסטע געזעצן:

- ■ ביי די מוסדות וואס האבן אליין געקליבן א פעטוועי צו דעמאנסטרירן אז זיי זענען עקוויוועלענט צום פאבליק סקול, שטייט אין די ליסטע די איסוואל וואס דער מוסד האט אויסגעוועלט.
- ■ די מוסדות וואס האבן איגנארירט די רעגירונג און האבן בכלל נישט גענומען קיין שום פעטוועי, האט די רעגירונג זיי אריינגעשריבן אונטער פעטוועי 7.
- ■ געציילטע מוסדות וועלכע האבן איגנארירט די רעגירונג, זענען אריינגעלייגט געווארן דורך די רעגירונג אונטער פעטוועי 1, צוליב וואס זייער מוסד איז שוין פון לאנג רעגיסטרירט מיט די באורד אף רידשענס.
- ■ די מוסדות וואס זענען אונטער די קלאגע פון יאפפע"ד זענען שוין פאר די לעצטע 9 יאר אונטער כסדר'דיגע אינספעקשאן'ס, (וואס ווערט היינט באצייכנט אלס פעטוועי 7), און די מוסדות וועלכע זענען שוין באשטעטיגט געווארן אלס נישט עקוויוועלענט האבן איצט נישט געקענט קלויבן קיין שום פעטוועי פאר די אלע בנינים וועלכע זענען געווען אונטער די מסירה קלאגע פון יאפפעד.
- ■ אבער ווי שוין באריכטעט אין דורותינו האט אגודת ישראל מיט זייערע מיטארבייטער, פראבירט איינצורעדן פאר געוויסע מוסדות, וועלכע זענען געווען אונטער די 'יאפפעד' קלאגע, און זענען געפונען געווארן אז זיי זענען נישט עקווילענד, אז זיי וועלן איצט אויך קענען אויסקלויבן איינען פון די זעקס פעטוועיס, צו באשטעטיגן אז זיי זענען יא 'עקווילענד', וואס האט זיך אבער למעשה ארויסגעשטעלט אלס א פאלשע אינטריגע.
- ■ די מוסדות וואס האבן נישט אליין געקליבן קיין שום פעטוועי, האבן למעשה מיט דעם געזאגט פאר די רעגירונג אז זיי גיבן זיך נישט אונטער פאר די גזירת החינוך, און אזוי אויך וועלן די מוסדות קענען שפעטער טענה'ן אז די נייע חינוך שמד גיידליינס זענען אנטקעגן זייער רעליגיע.

צו מנדב זיין א גליון, פאר הערות, און צו באריכטן נייעס, רופט: 845-237-4779
צו באקומען דעם גליון אויף בליץ-פאסט שיקט א אימעיל צו: DOROISEINY@GMAIL.COM
אזוי אויך קען מען ערהאלטן אין אימעיל אלע דאקומענטן וועלכע ערשיינט וועכענטליך דורכן איישרייבן ביים אויבערדערמאנטן אימעיל